ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

## ספורים מפנקס אוסטרער
## מהצדיקים הקדושים
## מהרש"א רמב"ם
## ונודע ביהודה

אידיש

**69**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשל"ז לפ"ק

# מעשה

פון

# מהרש״א

הערויס גענומען פון אוסטרער פנקס:

און פון רמב״ם זצ״ל.

און פון נודע ביהודה זצ״ל.

## ווילנא

בהוצאות בית מסחר הספרים של יצחק פונק.

שנת תער״ב לפ״ק.

МАСЕ МАГАРШОЭ.

ВИЛЬНА

Типографія Б. Ціонсона, Трокская 13.

1913.

# מעשה פון מהרש"א

## דאס איז איין מעשה נורא וואס האט זיך גיטראפין אין אוסטרא.

עס איז גיוועזן צוויי שותפים אין אוסטרא וואס זיי האבין תמיד גיהאנדילט אין אייניעם אונ זיי זענין גיוועזן גוטע פריינד צו ווישען זיך. איין מאל האבין זיי דער הערט אז עס איז דא צו פר קויפין לייוואנד ביי איין דוכסה אין טיף רוסיע אונ מען קאן קויפין ביי איהר וואלוויל. זענין זיי גיפארין אונ זענין גקומן דארט אהין. האט מען זיי צו דער דוכסה ניט ערלויבט אריין צו גיין. האבין איהרע מענטשין גשיקט איר אן זאגין אז עס איז גקומען צוויי סוחרים יודען אונ ווילען אפ האנדלין די גאנצע לייוואנד ביי איהר. האט די דוכסה צו זיי ארויס גשיקט איהר בעדינער ער זאל מיט זיי מאכין איין מקח. האבין זייא איהם דם געלד אפ גיגעבין אונ דער דינער האט אריין גיטראגין די דוכסה דם געלד. האט די דוכסה גפרעגט דעם בעדינער וואס פר איין פנים האבין די יודען ווארום זי האט קיין מאל ניט גיזעהן קיין יודען. זאגט ער איהר זיי זענין גלייך מיט אלע מענטשין. זאגט זי איך האב גיהערט זאגין אז זיי זענין נארער דס הייסט זיי נארין אפ. ענטפערט איהר דר בעדינער עס איז ליגין וואס די האסט גיהערט עס גפינען זיך צווישען זיי ערליכע אונ קלוגע לייט ווי אין אלע פעלקער. זאגט די דוכסה איך וויל זיי זעהן. איז זי ארויס גגאנגן זיי צו זעהן. איז איינער פון זיי גיוועזן זייער א שיינער אונ ער האט גילייכט ווי דר מארגין שטערין. אונ ווי די דוכסה האט איהם דר זעהן איז זי אן גיצונדען גיווארין פון זיין שיינקייט אונ עס האט איהר פר גלוסט זיין שיינקייט אין הארצין אונ זי האט נאך ניט גיקענט אראפ נעמין איהר אויג פון איהם אונ זי האט איהם צו גירופין אונ האט מיט איהם גשמועסט. אונ ער האט גיקאנט זייער שיין רעדין רוסיש:

בקיצור די דוכסה איז אויס גיגאנגן זי האט זיך פר ליבט אין איהם ביז זי איז קראנק גיווארין. אונ די שותפים האבין אפ גיקויפט די

פרורת

סחורה אין זיי האבין גידונגין פורין אויף צוא ליגין עס הט אבער ניט געקאסטעט קיין פורין פון דעם דארף איז איין שותף גיפארין אין אנדערך דינגען פורין אונ דער שותף דער שיינער איז געבליבין אויף ליגין די סחורה אויף די פורין ווי די דובסה הט דער הערט אז ער איז אליין געבליבען דא הט זי נאך אים געשיקט ביי נאכט אונ הט אים מגלה גיוועזן וואס זיא פר לאנגט פון אים אונ הט אים צוריק גיגעבין דס גאנצע געלט וואס זיא הט גינומען פר דער סחורה אויך הט זיא אים גיגעבין מתנות בדיי ער זאל איהר טוען וואס זי פר לאנגט פון אים. ער אבער הט זיך ניט גיקענט שטארקען קעגין דעם יצר הרע אונ דער צו הט זי אים נאך גיגעבין פיל געלט ווי פיל ער הט נאר גוואלט. אונ גאנין פריא איז ער זיך גיגאנגען אויף ליגין די סחורה. אונ אין דעם איז אן גיקומען זיין שותף האבין זיי ביינאנדער אויף גילייגט די סחורה אינ זיי זענין גיפארין אהיים:

איין יוד אבער הט פארט איין וויך הארץ. ער הט זיך אן גיהויבין צו בערעכענען וואס ער הט גיטאן הט דס אים זייער באנק גיטאן וואס ער הט גיטאן אזו איין גרויסע עבירה. הט ער זיך גינומען צום הארץ אונ הט זייער גיוויינט אונ גיקרעבצט. הט דר שותף זיך גיפרעגט וואס וויינסטו דו. הט ער אים גיענטפערט אלע מאל איין אנדערין תירוץ. אבער דער שותף הט פר שטאנען אז עס איז ניט אום זונסט הט ער אים אזו לאנג איבער גיפרעגט ביז ער הט אים מפציר גיוועזן אונ ער הט אים געמוזט זאגין וואס דס איז:

בקיצור ער הט אים דער ציילט די גאנצע מעשה וואס מיט אים הט זיך גיטאן אונ ער הט אים גיוויזען דס געלד וואס ער הט אונ הט דער ביי זייער שטארק גיוויינט. זיין שותף אבער הט אים אלץ מנחם גיוועזן אונ הט אים גיזאגט ער זאל תשובה טוען אונ זאל טיילין צו ארימע לייט צדקה. ער אבער לאזט זיך ניט איין רעדין אונ וויינט שרעקליך. ווי דער שותף הט דס גזעהן זאגט ער צו אים איך וועל ביי דיר אפ קויפין די עבירה וואס ווערסטו מיר געבין דער פר. ער איז זייער גערין גיוועזן אונ זאגט איך גיב דיר גאר דס גאנצע געלד וואס די דובסה הט מיר גיגעבין אונ האלב סחורה:

בקיצור דער שותף הט אפ גיקויפט ביי אים די עבירה אונ זיי האבין גימאכט צווישען זיך איין קבלת קנין אונ איין תקיעת כף. דער נאך איז דער סענגמש רוהיג גיווארין וואס הט די עבירה גיטוען. נוא זיי זענין גיקומען קיין אוסטרא אונ דער וואס הט גיקויפט די עבירה הט פר קויפט די ליעאנד אונ איז זיך גיווארין איין גאנץ

גרויסער עושר נאר ער האט ניט לאנג גילעבט נאך די מעשה אונ איז גישטארבין:

נוא אויף יענע וועלט האט מען אים גינומען דין וחשבון פון אים פר זיינע עבירות. האט מען אים גירעכינט צווישען זיינע עבירות אז ער האט בועל גיוועזן איין נכרית אונ ער האט גיזאגט איך האב דאס קיין מאל ניט גיטאן. זאגט מען אים דו האסט דאך גיקויפט ביי דיין שותף די עבירה. האט ער גיזאגט ווי אזוי קאן זיין איך זאל ליידען יענעמס עבירה. מיין שותף האט גיטאן אונ איך זאל ליידען. בקיצור נאך אלע טענות האט מען אים גיגעבין רשות ער זאל האבין איין דין תורה מיט דעם לעבידיגען וואס האט אים די עבירה פר קויפט. אזוי איז ער גיגאנגין צו אים צו חלום אונ האט אים גירופען ער זאל גיין צו איין דין תורה מיט אים. האט דער לעבעדיגער גיזאגט איך האב מיט דיר ניט קיין דין תורה דו האסט ביי מיר איין מאל גיקויפט איז פר פאלין. אבער דער מת איז אלע נאכט צו אים גיקומען ביז וואנען ער איז קראנק גיווארין:

דענטמאלט איז גיוועזן אין אסטרא איין רב דער מהרש"א ז"ל. האט דער קראנקער גיבעטין מען זאל אים טראגין מיט זיין בעט צום מהרש"א דען ער וויל אים עפיס זאגין פר דעם טויט. האט מען אזוי גיטאן ווי ער האט גיבעטין אונ ער האט דער ציילט פר דעם מהרש"א די גאנצע מעשה אונ האט אים גיבעטין ער זאל אים איין עצה געבין מיט וואס ער זאל זיך קענין מציל זיין פון דעם טויט. ענטפערט אים דער רב גיי אהיים אונ אז ער וועט קומען צו דיר נאך איין מאל זאלסט דו אים זאגין אז איין דין תורה איז נאר אויף דער וועלט מען קאן דא די דין תורה האבין. על כן אויב ער וויל זאל ער האבין איין דין תורה מיט דיר פר מיר אונ אז ער וועט ניט וועלין זאלסט דו אים זאגין אז איך וועל אים מחרים זיין וועט ער אויף הערין צו דיר צו קומען נוא האט ער אזוי גיטאן אונ ער האט דעם מת אזוי גיזאגט. האט דער מת גיזאגט לאז זיין אזוי ווי דו זאגסט איך וועל מיט דיר איין דין תורה האבין דא ביי דעם רב. האט דער קראנקער גיבעטין דעם מת ער זאל אים ווארטין איין חודש ביז ער וועט אין גאנצין געזונד ווערין:

ווי עס איז גיקומען אין איין חודש ארום איז גיגאנגין דער מענטש צו דעם מהרש"א אונ האט אים גיזאגט אז עס איז גיקומען די צייט וואס ער דארף האבין די דין תורה. האט דער מהרש"א גישיקט צו נויף רופין די בעלי בתים וואס זענין די חשובים פון דער שטאט אונ אויך דעם גאנצין עולם אונ האט גיהייסין דעם שמש מיחד זיין איין ארט פר דעם מת אונ האט אים גיהייסין גיין אויף דעם בית עולם מודיע זיין

דעם מת אַז אַצונד איז די צייט פון דער דין תורה. הָט מען אַרין אַזוי גיטאָן אונ זיי זענין זיך צו נויף גיקומען צו די דין תורה. האָט דער מהרש"א גיהייסין דעם לעבעדיגען מסדר זיין זיינע טענות. הָט ער אַזוי גיטענה'ט אמת איך האָב גיטאָן איין עבירה אָבער איך האָב דער נאָך גרויס חרטה גיהאַט דארויף. אונ אַז דו וואָלסט ניש̇ט גיוועזען אָפּ גיקויפט ביי מיר די עבירה וואָלט איך גיוועזען אַזוי לאַנג תשובה גיטאָן ביז מען וואָלט מיר מוחל גיוועזען די עבירה. אָבער אַז די עבירה איז אויף מיר שוין גאָר ניט חל גיוועזען דער דורך האָב איך קיין תשובה ניט גיטאָן אויף די עבירה. נוא פאַר וואָס קומט מיר אַצונד דעם עונש פון דער עבירה. הָט דער מת אָן גיהויבין צו טענין איך האָב ניט גיוואוסט אַז מען קען איין עבירה אָפּ קויפין אין דעם רעכטין אמת אונ איך האָב גאָר ניט גיוואָלט די עבירה אָפּ קויפין נאָר ווייל איך האָב דיר גיזעהן אין גרויס צער האָב איך דאָס גיטאָן דיר כדי עס זאָל דיר אַביסעל גרינגער ווערין אויף דעם הארץ. נוא בין איך דיר נאָר שולדיג געלט וועל איך היינט מיינע יורשים זאָגין דיר אָפּ געבין אונ לאָז מיך צו רוהע:

בקיצור זיי האָבין ביידע אַוועק גיליינט פיל טענות ביז וואַנען זייא ביידע זענין שטיל גיוואָרין. דער נאָך הָט דער מהרש"א גיזאָגט דער פסק איז אַזוי. מקח בלייבט מקח אונ נאַר בלייבט נאַר. וואָרום ווען דו וואָלסט ניט גיוועזען אָפּ קויפין ביי אים די עבירה וואָלט ער שוין לאַנג גיוועזען תשובה גיטאָן אויף דער עבירה. נוא ווי דער רב הָט דָס אויס גירעט האָבין אַלע גיהערט איין שרעקליכען גיוויין פון דעם מת. אונ דער נאָך הָט דער מת גיזאָגט ווי איז מיר איך האָב גימיינט ווייל דער שותף איז נאָך איין לעבעדיגער קאָן ער נאָך תשובה טאָן אונ פיל פאַר רעכטין אָבער איך קאָן שוין גאָר ניש̇ט העלפין דרום הָט מען גידאַרפט פסקענען אַז ער זאָל תשובה טאָן דען איך האָב גינוג. אָפּ צו קומען פאַר מיינע אייגענע זינד. אונ אַצונד לאָזט מען מיך שוין ניט דאָ איין שטיין ווייל דער היילגער רב הָט אַזוי גפסק'נט. הָט דער גאַנצער עולם מיט אים מיט גיוויינט פאַר רחמנות אונ האָבין גיבעטין דעם מהרש"א ער זאָל אים עפיס איין טובה טאָן. דער נאָך הָט אים דער מהרש"א גיענטפערט איך וועל שוין זעהן דיר איין טובה צו טאָן וואָס איך וועל נאָר קענין. נאָר דער פסק מוז אַזוי בלייבן על פי דין תורה. ווי ער הָט דָס אויס גירעט הָט דער עולם גיזעהן אַז עס איז גיוואָרין איין רויך אין שטוב אונ מען הָט שוין גאָר ניט גיהערט:

ענדע

# מעשה פון רמב״ם

אין דער צייט וואס דער רמב״ם איז געוועזין אין דער שטאט אלגיר וואס זי איז אין דער מדינה בערבעריע אין דער לאנד אפריקא. איז ער דארטין גירעכינט געוועזן פאר איין גרויסין מאן אזוא וויא מען האט אים גיהאלטין גרויס אונ חשוב אין אלע ערטער. אלע מענטשין האבין אים גילויבט אונ גיגרייסט. אויך איז ער געוועזין זייער תקיף אין דיא אויגין פון דיא הערין אונ די שופטים פון דער מדינה וואס זיי ווערין גירופין דארטין דיוואן וואס זיי זיצין אין דער הויבט שטאט פון דער מדינה וואס מען רופט זי אויך אלגיר. אונ צווישן די הערין איז געוועזן איין הער איין חכם נאר איין שלעכטער מענטש אונ מען האט אים גירופין פערי. וואס ער האט פיינט גיהאט דער רמב״ם פון לאנג אן. ווארום ער האט מקנא געוועזן אים מיט זיין חכמה.

האט זיך גידארפט מאכין אז זאגען גיקומען די אידין פון דער הויבט שטאט מיט איין שאלה פאר דעם רמב״ם. אונ די שאלה איז געוועזין עס האט זיך אן גירירט איין מצרי וואס וואונט אין אלגיר אן איין פאס וויין. האט דער רמב״ם גיפאסקעט אז די וויין איז יין נסך אונ מען טאר זיא ניט טרינקען. אונ דערנאך איז גיקומען נאך איין שאלה פארין רמב״ם. אונ די שאלה איז געוועזין עס איז אריין גיפאלין איין שרץ אין איין פאס בוימיל האט דער רמב״ם גיפאסקעט אז מען זאל דעם שרץ ארויס ווארפין אונ דיא בוימיל איז כשר אונ מען מעג עסין פון אים. דיגען גיקומען די רשעי ישראל אונ האבין גימאסערט די ביידע פסקים פאר דעם שופט פערי איז ער גיווארין זייער אין כעס. אונ זיין צארין האט אין אים גיברענט. אונ ער האט גיזאגט אז יוא אזוי איז דאך איך אונ מיין פאלק ערגער בייא אים פאר איין שרץ. אונ איצטער איז איין צייט נוקם זיין זיך פון אים. אונ ער האט גיטראכט הארגענען אים. אונ דס איז גיוואר גיווארין דער רמב״ם. אדר מען האט אים מודיע געוועזין מיט זיין רוח הקודש פון היכל. אדער זיינע גוטע פריינד האבין אים אן גיזאגט. האט ער גינומען גיכער גאר זיינע אוצרות גאלד אונ דימענטין אונ געלט אונ איז גיגאנגען צוא אין שטיבער. און הט אים גיזאגט איך בין דיין זייער אויניג טאמער וועקסטו

מיך

מיך פירין שפאצירין אין איין שיף ביי איין ברעג ים כדי צו בארוהיגן
מיין הארץ אונ איך וועל דיר באצאלין. האט אים גיענטפערט דער
שיפער איך וועל צו דיר טאן ווס דו פר לאנגסט פון מיר. דער נאך
איז דער רמב"ם מיט דעם שיפער אריין גיגאנגין אין איין קליינעם
שיפעלע. אונ באלד ווי זיי זענין נאר ארין גיקומען אין שיפעלע איז
דער שיפער איין גישלאפין גיווארין זייער שטארק. ווארום דער
דער רמב"ם האט גינומען דעם שם פון קפיצת הדרך ווס ער האט
אים אן גישריבען בשעת ער איז נאך גיוועזין אין דר היים אונ האט
אים אריין גילייגט אין עק פון די שיף. אונ איין פערטיל שעה ארום
איז גיקומען דער רמב"ם מיט זיין ווייב אונ קינדער ווס האבין מיט
אים גישפאצירט צום ברעג ים פון דעם לאנד מצרים ווייט כמה וכמה
הונדערטין מיילין פון אלגיר אונ די שיף האט זיך דארטין גישטעלט.
אונ אין דער רגע האט זיך אויף גיכאפט דער שיפער אונ ווי ער
האט דער זעהן אז ער איז אין אפרעמדע לאנד אונ איין לשון ווס
ער פר שטייט ניט האט ער גיהערט. האט ער זייער גיציטערט אונ
האט גישריגען איין גרויס ביטער גישרייא אונ ער האט זיך גיקלערט
אז מיט כישוף האט דס דר רמב"ם גיטאן. אונ אז דר רמב"ם האט
דער הערט זיין גישריי האט ער אים בארוהיגט מיט ווייכע רייד אונ
האט צו אים גיזאגט זארג גאר ניט דען אין איין פערטיל שעה קער
איך דיר אום אהיים קיין אלגיר נאר דו זאלסט היטין אז די שיף וועט
קומען קיין אלגיר אונ דו וועסט דערמאנט זיך אויף חאפין זאלסט
דו זיך שוין ממהר זיין. אונ דו זאלסט נעמין מיין כתב דעם ווס
איך וועל צו דיר אריין לייגין אין עק שיף. אונ דו זאלסט דס
אריין ווארפין אין ים. אונ אויב דו וועסט דער נפון פר ציילין
צו עפים איין מענטשין וועסט דו באלד שטארבין. האט דער שיפער
גיזאגט איך וועל אזו טאן ווי דו פר זאגסט מיר. אונ ער האט אים
צו גישווארין אויף דער זאך. דער נאך האט דער רמב"ם אים
בצאלט זיין שכר אונ האט אים אפ גישיקט צוריק אונ ער איז גיקומען
אין אפערטיל שעה קיין אלגיר. אונ ער האט גיטאן אזוי ווי דער
רמב"ם האט אים גיהייסין:

אונ דער רמב"ם איז גיקומען אין עטליכע טעג אין דער
שטאט אלקיירה ווס דס איז די הויפט שטאט פון מצרים אונ דארטין
זיצט דער מלך פון מצרים. אונ עס האט ניט גיווערט קיין לאנגע
צייט האבין די קנעכט אונ אזוי אויך אלע גרויסע לייט מיט די
די הארין פון די מדינות זייער גילויבט דעם רמב"ם פר דעם מלך
פון מצרים. ווארום ער האט גיטאן גאנץ גרויסע פעולות אונ גרויסע

וואונדער מיט די רפואות וואס ער האט גיטאן. אונ עס האט ניט גיווערט איין יאר האט דר מלך גימאכט אים גרויס מחמת זיינע פיל חכמות אונ וויסען שאפט. אונ זיין שטול האט ער אויף גיהויבין העכער פר אלע קנעכט פון מלך אונ האט אים זייער ליב גיהאט. אונ זיין גרויסער נאמען איז גיהערט גיווארין אין אלע לענדער. אונ די זאך איז גיהערט גיווארין דורך די שיפער וואס פארין אויפין ים הגדול (דס איז דר גרויסער ים) צו דעם שופט פערי דעם רמבמ״ם שונא אז דער רמב״ם איז אנטלאפין אונ ער איז אין מצרים. אונ אז דר מלך האט אים גיגרייסט האט דס דעם שופט פערי זייער פר דראסין אונ איז גיוועזין זייער באזארגט דרויף:

אונ עס איז גיוועזין נאך דעם אז עס האט זיך אויס גילאזט די דרייא יאר פון דער צייט אז ווי די מדינה פון אלגיר האט כורת ברית גיוועזין מיט דעם מלך פון מצרים. אונ אלע דרייא יאר זענין זיי מחדש זייער ברית. האבין גישיקט די שופטים פון אלגיר דעם שופט פערי צו דעם מלך פון מצרים קיין אלקיירה אונ ער איז אהין גיקומען. אונ אויף צו מארגין פון זיין קומען האט דער רמב״ם באשווארין דעם שר של אש דאס איז דער מלאך וואס ער איז איין ממונה אויף פייער) אז ער זאל ניט לאזין קיין פייער ברענין אין גאנץ מצרים. איז גיווארין איין גרויס גישרייא אין גאנצין לאנד מצרים. אונ אויך אין גאנצין גרעניץ פון אלקיירה ווארום זיי האבין ניט גיקענט אן צינדין קיין פייער אין אלע ערטער. אונ דער גרויסער גישרייא איז גיוועזין זעקס טעג אין גאנץ מצרים:

ווי דער מלך האט דס גיהערט האט ער גיפרעגט ביי אלע חכמים וואס פר שטייען זיך אויף די צייטין. וואס קאן מען טאן צו אזוי איין דבר פלא וואס איז אין זיין גאנצין לאנד. האט קיינער פון די חכמים ניט גיוואוסט וואס פותר צו זיין אים. ווי דר מלך האט גיזעהן אז קיינער פון די חכמים ווייסין ניט וואס דער צו איז צו טאן. האט דער מלך גיפרעגט ביי זיין גרויסין דאקטער דעם רמב״ם. האט דער רמב״ם אים גיענטפערט דער מלך זאל אייביג לעבין איך גידענק בשעת איך בין גיוועזין אין דער שטאט אלגיר איז דארטין גיוועזין צווישען די שופטים איין גרויסער מכשף וואס זיין גלייכין איז ניט צו גיפינען אין דער גאנצער לאנד בארבריע אונ זיין נאמין איז פערי. אונ איך האב גיהערט אז שוין פון זעקס טעג אז ער איז גיקומען אהער מחדש זיין דעם ברית אונ גיווים איז זיין רעכטע מחשבה איבער צו פירין דיין מדינה אונ צו הארגינען דיך אונ דיינע קינדער אונ דיינע הארין אונ דיינע קנעכט מיט זיין כישוף אונ דער נאך וועט ער ווערין איין

מלך

מלך אין מצרים אונ אין אראביע. ווי דער מלך האט דאס געהערט האט ער געענטפערט דעם רמב"ם אז נעכטן האט דער שופט פערי דער ציילט אייגענעם פון די קענעכט פון מיין שטוב אז דו ביסט אנטלאפן געווארן אין יענעם אונ אין יענעם יאר אונ אין יענעם אונ אין יענעם טאג נאך האלבן טאג פון אגניר מחמת וויא האבן געוואלט דיך הארגענען מחמת דו האסט געשאלטן גאט אונ דעם גאנצן דיוואן פון דארטן מיט דער גאנצער מדינה. האט דער רמב"ם געענטפערט דעם מלך דער מלך זאל אויף אייביג לעבן אונ זאל זעהן צו היטן זיין לאנד מיט די אלע זיין וואונער פון שלעכטם. נאך ניט גינוג וואס דער שופט פערי איז איין גרויסער מכשף אונ זיין גאנצע מחשבה איז נאר איין צו נעמן דורך זיין כישוף פיל פעלקער צו זיין איבער וויא איין מלך וויל ער נאך פאר גיטן אום זיסטע בלוט מיט זיין כישוף. אונ ער איז גיגאנגען מיט דעם רשות פון מלך צו אים אהיים אונ האט זיך אום גיקערט צום מלך אונ האט גיבראכט צום מלך די גישריפין פון דעם ממונה אויף דעם ברעג ים וואס איז אין מצרים וואס ער האט גיגעבין נאך האלבין טאג פון דעם אייגענעם טאג וואס דער שופט פערי האט גיזאגט אז ער איז אנטלאפין פון אגניר אונ דעם בריף צום הערין פון דעם טויער פון אלקיירה וואס ער האט מקבל גיוועזן אין עטליכע טאג שפעטער. האט דער מלך גיגלויבט דעם רמ - אונ ער האט שולדיג גימאכט דעם שופט פערי:

דער נאך האט זיך דער מלך איין עצה גיהאלטן מיט זיינע יועצים וואס מען זאל טאן מיט דעם מכשף פערי. אונ אז עס איז גיוועזן אין דעם אכטין טאג פון זיין קומען איז ארויף דער שופט פערי אויף איין רייט וואגין וואס ציען אים אכט אחשתרנים דאס איז אזוי איין מין אייזיל צו גיין צום מלך מחדש צו זיין דעם ברית אונ צו מאמערין אויף דעם רמב"ם. אונ צו פערי דעם שופט איז גיוועזן איין הונט איין גאנץ גרויסער אונ זייער איין שיינער וואס ער האט אים זייער האלט גיהאט אונ דער הונט איז אויך גיוועזן מיט אים אין דעם רייט וואגין אונ באלד ווי ער מיט דעם הונט איז נאר אריין אין רייט וואגין האט דער הונט אשפרונג גיטאן פון רייט וואגין אונ האט ארויס גילאזין זיין גרויסין פייער פון זיין מויל אונ דער פייער איז אלץ גרעסער גיווארין אונ איז גיווארין גרעסער פון אלע הייזער פון אלקיירה אונ האט גיברענט די הייזער אונ די מענטשין ביז וואגען עס איז גיווארין זייער איין גרויסער פייער. אונ דער שופט פערי שטייט אונ פאר וואונדערט זיך זייער ווארום ער האט גאר ניט גיוואוסט ווי אזוי זאל זיין הונט דער גוטער פריינד זיינער טאן אזוי איין זאך אום לאזן פון זיין מויל

פלאמין

# מעשה רמב"ם

זאלמן פייער אונ זאל אלץ פר גרעסערן זיך אן אויף הערונג. אונ ווי דר פראכטער עולם וואס זענען געשטאנען לעבן זיין וואגן האבן געזעהן די דאזיגע מעשה רע האבן אלע געשריען מכשף מכשף. דר גרעסטר מכשף איבער אלע מכשפים אז אזו איינער איז ניט געוועזן אין גאנץ מצרים פון לאנגע צייטן. האבן זיי געהאט מען דארף הארגענען אים אונ זיין דינים. ווארום עס קען איבער גיפירט ווערין גאנץ מצרים. זענען גיוא פלוצלונג געקומען אויף אים אונ האבן אים צו שניטן מיט זיין הויט אויף שטיקער ביז האנען זיי זענען געווארין בייזע אזו ווי דר עיר במשתה. אונ זיי האבן אים זיין וואגן צו בראכין אויף טויזענט שטיקער. אונ יעדערער פון דעם עולם האבן גינומען איין שטיקעל פון זיינע ביינער אדער פון זיין הויט. אדער פון די ביינער אונ הויט פון זיין הונט אדער איין שטיקל האלץ פון זיין וואגן אונ מען האט דאס גינומען צהיים אום צו בהאלטן עס אין איין לימענע כלי כדי עס זאל ליגן דם אלאנגע צייט אין זיכן צו די פר בעבער. אז עס זאל זיך ניט דער ווענין נאך איין מכשף צו טאן אזו ווי ער. אונ דער כעס פון דעם מלך אונ פון דעם רמב"ם איז שטיל גיווארין:

---

# מעשה פון נודע ביהודא

הרב הגאון רבי יחזקאל בעל נודע ביהודה איידר ער איז גיוועזן רב אין פראג. איז ער גיוועזן איין רב אין איין אנדערע שטאט. אונ זיין היילגער שטייגער איז גיוועזן צו קלייבן נדבות אונ אויך צו ברענגין אנדערע לייט צו טאן צדקה אויף צדקה אונ הכנסת כלה. אונ פלעגט אפט מיט גוואלד מקבל זיין נדבות אויף אונטער צו לעהנען די הענט פון די ארימע לייט. האט די זאך זייער שטארק גיטאן איבלען אין די אויגין פון די נגידים אונ זיי האבן ניט גיקענט באשטיין קעגין אים. איין מאל האבן זיך איין גיזאמלט אלע סוחרים פון שטאט אונ אלע גבירים. אונ האבן אויס דר וויילט אזעלכע דריי נגידים וואס האבן אין זיך איין גרויס עזות. וואס האבן גאר ניט דעם נאטור פון שעמן זיך. אונ האבן זייא גישיקט אז זיי זאלין אריבער גיין צום רב אונ זאלין אים פאר זאגין אז אויב ער וועט ניט אוועק ווארפין זיין שטייגער אונ וועט ניט אויף הערין ארויף צו ווארפין אויף זיי דעם יאך פון צדקה. זאל ער וויסן אז דער עולם וועט אים ניט באגערין פר איין רב אונ ער מאג זיך זוכין איין אנדערע שטאט. דיזע מענטשין האבן אן זיך אן גיטאן גרוס שטארקייט אונ זענען גיגאנגין צום רב אונ האבן צו אים גיזאגט די רייד פון די שטאט

לייט . רופט זיך צו זיי אן דער רב רעכט האט איר גירעט אונ גרייליך זאין דר צייט האט איר גירעט . אונ האט זיי גיוויזין איין כתב וואס עס איז צו אים גישיקט גיווארין פון דר שטאט פראג . נאר דס האט ער צו זיי גיזאגט איר האט דאך דר פון גיט גיוואוכט אונ אייער כוונה איז דאך גיוועזן מיר צו ווייטאגין מיין גימיט אונ אן צו זאגין מיר איין צער וועט איר דר פר אפ נעמין אייער לוין . איינעם האט ער גישאלטין ער זאל ארעפ גידערין פון זיינע גיטער אונ זאל ארום ווערין . דעם אנדערין האט ער פר זאגט ער זאל צוואה לאזין זיין הויז גיזינד דען ער וועט גיוויס שטארבין . דעם דריטין וואס ער האט אביסיל איין גיהאלטין זיין גימיט . אונ האט פר אים אזוי שטארק ניט דער ציילט אין גאנצין די רייד פון די שטאט לייט מחמת ער האט זיך פארט גיפארכטין פר דעם רב אונ האט זיך גישעמט פר אים . האט ער אים אזוי גישאלטין אז ער זאל האבין איין זון פון זיין ווייב דיזע וואס זי איז איצט מעוברת אונ ער זאל זיין איין גרויסער וואול לערנער . נאר אין דעם טאג וואס ער וועט ווערין בר מצוה זאל ער יוצא לתרבות רעה זיין . ווי דר רב האט פר ענט צו רעדין זיינע רייד אונ אין איין וויילע ארום האט זיך גיהערט די קלאפונג פון די פיס פון די פערד זייער שטארק וואס מען האט גיאיילט דעם רב צו פירין אין דר שטאט פראג בכבוד גדול :

ווי דר רב האט גישאלטין די דריי נגידים אזוי איז גיוועזן . איינער איז גישטארבין אונ דר צווייטער איז ארעפ פון די גיטער אונ איז גרי ליך ארום גיווארין . אונ צו דעם דריטין איז גיבארין גיווארין איין זון וואס איז נאך אזוי איין חכם גיט גיוועזן אין דר וועלט . האבין זיי זייער גיקלאגט דער מענטש מיט זיין ווייב ווי זיי האבין דער זעהן אז די קללה פון צדיק איז מקויים גיווארין אן די צוויי גבירים . דען דא האבין זיי שוין נעביך גוט פר שטאנען זייער גרויסין אומגליק אז זיי וועלין שוין אויך גיוויס ניט אנטרונען ווערין פון די קללה פון צדיק . אונ נאך מער ווי זיי האבין גיזעהן די פיל חכמה פון דעם זון וואס איז צו זיי גיבארין גיווארין אונ וואס אטאג פרעגט זיין חכמה גימערט ווערין . ווי ער האט נאר אפ גילערינט איין מאל דעם אלף בית האט ער שוין גאנצין קלאר גיוויסט אונ זיין שם האט זיך זייער גרייליך גיהערט אין די גאנצע שטאט . אונ אלע האבין אים גירימט אונ ער איז זייער חשוב גיוועזן אין די אויגין פון אלע מענטשין אבער אין די אויגין פון זיינע עלטערין וואר פונקט פר קערט וואס זיי האבין פון אים מער חכמה גיזעהן האבין זיי דער פון נאך מער צער גיהאט . דען זיי האבין דאך אלץ גיהאט אין זינען דעם סוף פון דיזען יונג . ווי דיזער יונג איז גיווארין אלט אכט יאר האט ער שוין גיקענט ש"ס ופוסקים אזוי ווי איינער פון די גרויסע לייט . דר יונג האט אויך פר שטאנען אן זיין פאטער אונ מוטער ווי ער האט גיזעהן אז יעדר טאג וואס עס דארף אין זיי גימערט

ווערין

ווערין שמחתו מחמת זיין פיל חכמה וואס עס חערט אין אים גימערט אונ זיי זענין נאך מער פר זיפצט אונ אין צער אז עס מוז עפים אין דעם זיין. האט ער ביי זיי גיפרעגט אונ האט פר זיי גיוויינט אז זיי זאלין אים אויס זאגין דעם גאנצין אמת אונ האט צו זיי אזו גיזאגט פר וואס פרעמדע לייט וואס זעהן מיין חכמה פרייען זיך מיט מיר אונ איר לא די וואס איר פרייט זיך ניט מיט מיר וויינט איר נאך טאג אונ טאג אונ איך בין גאר שרעקט אין אייערע אויגין. ווי זיי האבין גיהערט פון זיין מויל אזעלכע רייד. האבין זיי זייער שטארק אן גיהויבין צו וויינען אין ביטער גיוויין אונ האבין אים גיענפערט עפים איין תירוץ אבער זייער תירוץ איז ניט אים אריין גיגאנגין אין זיינע אויערין. נאך אין איין יאר ארום האט די שטאט גרייליך גיברומט אויף די פיל חריפות פון דעם יונג. אונ אלע גרויסע לומדים לויבין אים אונ גיבין אים אפ גרויס כבוד. נאר די עלטערין זיינע זענין זייער טרויעריג אונ האבין גאר קיין הנאה ניט פון זיין פיל חכמה. מיט אמאל אין איין טאג ווי דער יונג האט זיך גינומען צום הארצין די צרות פון זיינע עלטערין וואס ער ווייס גאר ניט פר וואס אונ פר ווען. האט ער ווידער גיוויינט אונ גיבעטין זיך ביי זיי אז זיי זאלין אים אויס זאגין דעם אמת אונ זאלין פון אים ניט לייקענען. טאמער וועט ער קענין העלפין צו היילין די קלאג פון זייער הארצין. זיי האבין גיזעהן אז עס איז שוין ניט מיגליך צו פר הוילין פון אים האבין זיי אים דר ציילט די גאנצע מעשה פון דר קללה פון רב. רופט זיך אן דר יונג צו זיי מיינע ליבע עלטערין אזו זאלט איר מיר טאן. גיט מיר געלד אויף דער הוצאה פון וועג אונ איך וועל אוועק גיין פון שטאט צו שטאט וואו הין מיינע פיס וועלין מיך טראגין אונ וואו עס וועט מיר גיפעלין זיין אין מיינע אויגין. אונ אויב די זאך איז חס ושלום יוא גיגזר גיווארין אז איך זאל האבין ביזע מידות איז אויך פיל גלייכער אז איר זאלט דאס ניט זעהן מיט אייערע אויגין. וועט לכל הפחות ניט זיין אייער שאנד אזו גרויס. אונ אויב דר אויבערשטער וועט מיר העלפין אז איך זאל ניצול ווערין פון דר קללה פון רב אונ עס וועט אויף מיר קומען איין ברכה וועל איך אייך מודיע זיין כדי איר זאלט האבין גרויס נחת. זיי האבין פר שטאנען אז ער רעט רעכט אונ זיין עצה איז גרייליך רעכט פארטיג. האבין זיי גיטאן ווי זיינע רייד. אונ האבין אים גיגעבין געלט אויף הוצאות אויפין וועג אונ האבין אים אוועק גישיקט. אונ זיי האבין זייער גיוויינט אונ ער האט אויך זייער גיוויינט אונ האט זיך אפ גישייד פון זייא:

דער יונג איז אוועק גיגאנגין אונ האט זיך גיצויגין ביז ער איז גקומן צו דר שטאט פראג צו דר ישיבה פון הרב רבי יחזקאל. אונ קיינער האט ניט גיוואוסט ווער ער איז אונ ניט פון וואנען ער איז. ווי דער רב האט

געזעהן זיינע גרויסע חריפות און זיין פיל פר שטאנד אין לערנען איז ער ביי אים זייער טייער געוועזן. דען ער איז ביי אים געווען דער בעסטער פון אלע זיינע תלמידים וואס האבין זיך געפונען אין זיין ישיבה. און ווי מען האט זיך דר וואוסט אין די שטאט פון די מעלות פון דעם יונג. האבין זיך גיפונען אויף אים זייער פיל בעלנים צו מתחתן זיך זיין מיט אים. נאר דר רב האט ניט דר לאזין דען ער האט אים געוואלט נעמען פאר זיין אייגענע טאכטער וואס ער האט געהאט איין בתולה. און אזוי איז טאקע געווען ווי ער איז געווארין אלט צעהן יאר האט זיך מיט אים דער רב מתחתן געווען. און האבין אפ געשטעלט דעם זמן פון החתונה אז ער וועט אלט ווערין דרייצעהען יאר. און דס האט דער רב ניט געוואוסט וואס ער האט אים געשאלטין ווארום ער האט גאר ניט געוואוסט ווער ער איז. עס איז געקומן נאהענט צו דר צייט פון חתונה האט דר רב געשיקט מיט צוויי וואכן פריער רופען צו אלע זיינע בעקאנטע לייט ווייטע און אויך נאהענטע ווי דער שטייגער איז פון איין רב. כדי מען זאל אים שיקין דרשה געשאנק. און אויך צו זיין שטאט וואס ער איז פריער געוועזן האט ער געשיקט בריף צו פיל נגידים וואס זענין געווען זיינע גוטע פריינד. האבין אלע נגידים אום געקליבן צוויי נגידים און האבין אוים געקליבן דרשה געשאנק פון די גאנצע שטאט פון יעדין מענטש ווי פיל עס האט אים בעוויליגט זיין הארץ. און האבין געשיקט דורך דר האנט פון די צוויי נגידים. און די צוויי נגידים האבין געזעהן אז זיי זאלין קומען אין דר שטאט פראג אויף דעם שבת וואס איז פר דר חופה וואס דם רופט מען אן פאר שפיל. און האבין געגעבן צו דעם רב די דרשה געשאנק וואס עס איז צו אים געשיקט געווארין דורך זייער האנט:

ווי עס איז געקומען די נאכט פון שבת און זיי עסין ביים טיש רופין זיך אן די מענטשין וואס זענין געקומען פון דער שטאט וואס ער איז ביי זיי פריער איין רב געוועזן. מיר ווילין זעהן דעם חתן. רופט זיך אן דער רב צו זיי היינט און מארגין וועט איר אים ניט קענין זעהן. נאר צו שלש סעודות וועט ער אן הויבין איין דרשה צו זאגין דענסמאלט וועט איר אים זעהן. אזו איז געוועזן צו דר דריטער סעודה איז דר חתן געקומען און האט געזאגט תורה וואס זענין גבייליך זיס צו דעם אויער פון צו הערער איז זיי זייער געפעלין געווען. און פאר זייער אוועק גיין אהיים. זענין זייא געגאנגין צום חתן און האבין אים געבענטשט מיט דער ברכה פון איין מזל טוב. ווי זיי האבין אים דער זעהן האבין זיי אים דער קענט. נאר זיי האבין ניט געוואוסט ווער ער איז. ווי זיי זענין ארוס אין גאס פון שטאט רופין זיי זיך אן איינער צו דעם אנדערין זיין געשטאלט איז מיר עפעס גבייליך בעקאנט נאר איך וויים ניט ווער ער איז. דער אנדערער

רופט

רופט זיך אן מיר איז ער אויך בעקאנט און מיר דוכט זיך אז ער איז דער זון פון דעם דאוונען נס דר רב הט אם גישאלטן ער זאל ארוים פון דרך מעשר רופט זיך אפ נאך איינער דו ביזט גערעכט מיר דוכט אויך אזוי און איך האב געהערט אז צו דר חתונה דארף ער זיין דרייצעהען יאר בכן אז מיר וועלן דאס ניט דר ציילען פר דעם רב וועלן מיר דאך זינדיגען צו גאט און עס וועט אויף אונז חס ושלום קומען איין קללה. בכן בדארפין מיר זיך אום קערן און דער ציילין דאס פר דעם רב. טאמער וועט ער קענען באשירמעט ווערן. זיינען זיי געגאנגען צום רב און האבען אים דאס דער ציילט, אז דאס איז דר זון פון דעם דאוונען גביר וואס דער רב הט דאך אים גישאלטען ער זאהל ווערן איין רשע. רופט זיך צו זיי אפ דר רב אז עס איז יוא אזו ווט איר זעהן אין עטליכע טעג ארום נס עס וועט זיין דר סוף דער פון. הט דר רב פאר זאגט מען זאל מאכען אין איין קעלער מירן פון שטארקע אייזן. און האט אויך גיבאוט מאכין צו אים זייער שטארקע שלעסער. און הט געזאגט מען זאל דארטין אריין זעצען דעם חתן בשעת ער וועט אלט ווערין דרייצעהן יאר מיט איין טאג. און די טיר זאל מען פאר שליסען מיט פיל שלעסער. און פיל שטארקע מענטשין האט ער גישטעלט ביי די טיר פון דרויסען זיי זאלען ניט לאזען צו ברעכען די טיר. האבען זיי אזוי גיטאן. אין דעם טאג וואס ער איז גיווארן איין בר מצוה האבין זיי איהם אריין גיזעצט אין קעלער און האבין פאר אים פאר שלאסען די טיהר. און דער חתן האט דערנטאלט זייער גיזעסטערט דעם אויבערשטען. און האט געשריען אין איין קול מען זאל אים לאזען טאהן בייז. און ער איז צוא גינאנגען צוא ברעכען די טיהר. נאר מען האט אים ניט גילאזען. און האט איין גאנצע טאג גישטורימט ווי דער ים ער וויל נאר גיין טאהן חטאים נאר ער האט ניט געקענט. דער נאך אז די צייט איז איבער גיגאנגען איז ער שטיל גיווארין פון זיין שטורעם און האט זיך באקקערט. נס האט ער דאס גיוואלט טאן. און האט זיך גישראגין חטאתי און הייט גרייניך זיך גיפייניגט אויף דעם וואס ער האט גיוואלט אזוי איין שלעכץ טאהן. און האט תשובה געטאן איין ריכטיגע תשובה:

דער נאך האט דער רב גיהייסין מען זאל איהם ארוים לאזין פון גרוב. און האט גיזאגט מען זאל שוין היינט גאר קיין מורא ניט האבען ער וועט שוין פון היינט אן חס ושלום ניט טאן קיין בייז. דען אין דער גמרא שטייט אויך אזו (בת דינא בטל דינא). איז דער טייטש אז די צייט פון דעם גזר דין גייט איבער ווערט דער גזר דין בטל. און די חתונה האבין זיי אפ גילייגט אויף עטליכע וואכין. און דער רב האט גישריבען איין בריף צו דעם פאטער און מוטער פון חתן אז זיי זאלען

קומען אויף דער חתונה פון זייער זון. ווי זיי האבין דס געהערט
איז זייער שמחה געוועזן גאר אן שיעור. אונ עס איז אויף זיי מקויים
געווארין דער פסוק (הזורעים בדמעה ברנה יקצורו). דען בשעת ער
איז פון זיי אוועק געגאנגען איז זייער געוויין גרייליך גרויס געוועזן. אונ
איצט אז זיי זענין אן געזאגט געווארין אזו איין בשורה טובה אונ נאך
דער צו דס ער איז געווארין דער איידים פון דעם רב איז זייער קלאג
פר קערט געווארין צום גרויס שמחה. אונ האבין געאיילט ווס צום
גיכסטין צו פארין קיין פראג צו פרייען זיך מיט גרויס ליבשאפט אויף
דער שמחה פון זייער זון. אזו זאל אונז גאט העלפין אין געבין צו
פרייען זיך מיט די פרייד פון ירושלים. אמן.

ענדע